בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## ויצא

**ט' כסלו תשפ"ו**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:16 |
| ר"ת | 5:53 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:06 | סוז"ת א' 9:13 |
| סוזק"ש ב' 8:51 | סוז"ת ב' 9:43 |

גליון מס': קס"ב

שנה ד'

## טיב המערכת

### דער כח פון תפילה

מען דערציילט, אז אין די צייטן פון דער הייליגער חתם סופר איז ליידיג געווארן דער כסא הרבנות אין איינע פון די שטעטלעך, און צוויי הצעות זענען אנגעקומען צו די ראשי הקהל וועלכע האבן געזוכט א רב וואס איז פאסיג אנצופולן דעם רבנות שטול. איינער פון זיי איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן חתם סופר, וועלכער איז געווען באוואוסט מיט זיין געוואלדיגע חריפות און בקיאות אזוי ווי די גרויסע רבנים, און דער צווייטער, כאטש ער איז אויך געווען א געוואלדיגער תלמיד חכם, איז ער אבער נישט צוגעקומען צו די גרויסקייט פון דער תלמיד פונעם הייליגן חתם סופר, אבער פון די צווייטע זייט איז ער באוואוסט געווען אלץ איינער וואס פארמערט זיך צו בעטן ביים אויבערשטן מיט ווארימע תפילות און מיט הארציגע קאפיטלעך תהלים.

די ראשי הקהל האבן געהאט א שטארקן ספק וועמען צו זעצן אויפן כסא הרבנות, וויבאלד זיי האבן געהאט צְדָדִים לכאן ולכאן, ביז מען האט באשלאסן אז זיי וועלן באשליסן לויט וואס מערסטנס מיינונגען אינעם קהל וועט באשטימען. דער מיינונג פונעם הייליגן חתם סופר איז געווען אז זיין תלמיד איז דער מערסטער פאסיג פאר דעם פּאָסטן, אבער דער אויסקום פון די וואַלן (בחירות) איז געווען לטובת דער צווייטער רב.

ווען עס איז באוואוסט געווען דער ענדגילטיגער אויסקום, האט זיך דער הייליגער חתם סופר אנגערופן: זעט נאר ווי גרויס איז דער כח פון זאגן תהלים, ווייל כאטש עס איז באוואוסט פאר יעדן אז מיין תלמיד איז דער פאסיגסטער פאר אט דעם אויפגאבע, און טראצדעם וואס איך האב זיך אזוי שטארק משתדל געווען פאר זיינעטוועגן, וואס דורכדעם וואלט מיין תלמיד געדארפט ערוועלט ווערן, פונדעסטוועגן האבן זיך געשטארקט די קאפיטלעך תהלים פונעם צווייטן רב און איבערגעוואויגן לטובתו.

ענדליך צו דעם געפינען מיר אין אונזער פרשה, וואו עס שטייט אין פסוק: וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה, און רש"י זאגט: "שֶׁהָיְתָה סְבוּרָה לַעֲלוֹת בְּגוֹרָלוֹ שֶׁל עֵשָׂו, וּבָכְתָה, שֶׁהָיוּ הַכֹּל אוֹמְרִים, שְׁנֵי בָּנִים לְרִבְקָה, וּשְׁתֵּי בָּנוֹת לְלָבָן, הַגְּדוֹלָה לַגָּדוֹל, וְהַקְּטַנָּה לַקָּטָן".

לאה אמינו האט געוואוסט אז דאס איז איר גורל אז זי וועט חתונה האבן מיט עשו, און איר שוועסטער רחל איז די וועלכע איז באשטימט פאר יעקב, אבער וויבאלד זי האט נישט געוואלט, האט זי זייער שטארק געוויינט, און זי האט זיך געבעטן ביים הייליגן באשעפער. און וואס האט זי גע'פועל'ט דורך אירע תפילות? אז נישט נאר איז זי נישט אריינגעפאלן אינעם טייל פון עשו, נאר זי האט זוכה געווען אריינצוגיין אינעם טייל פון יעקב, און נישט נאר דאס, נאר זי האט אויפגעשטעלט זעקס שבטים אזוי ווי אלע אנדערע אמהות צוזאמען, און נישט נאר דאס, נאר זי האט אויך זוכה געווען אז פון איר איז ארויסגעקומען די דריי קרוינען מיט וואס אידישע קינדער זענען באקרוינט געווארן: כתר תורה וואס יששכר האט זוכה געווען אין דעם, כתר כהונה מיט וואס לוי האט זוכה געווען, און כתר מלכות וואס יהודה האט זוכה געווען אין דעם.

אויך אין די ווערטער פון קבלה אין די ספרי האר"י ז"ל ווערט ערקלערט, אז דער פלאץ פון לאה איז העכער ווי דער פלאץ פון רחל, און צו דעם אלעם האט זי נאר זוכה געווען מיטן כח פון אירע טרערן און אירע תפילות.

(עפ"י טיב התורה – ויצא)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

## טיב הפרשה

# מלא שבוע זאת

## די שווערע נסיונות און די התחזקות פון יעקב אבינו

מערערע מאל האבן מיר שוין דערמאנט דא אין אונזער גליון דער געדאנק אז אלעס וואס די אבות הק' זענען אריבער במשך די יארן איז בעצם א לימוד פאר אונז, אז מיר זאלן זיך אפלערנען פון זיי און זיך באהעפטן אין זייערע וועגן.

אויך אין די פרשה, ווען מיר לערנען איבער יעקב אבינו און ווי אזוי ער האט געבויט זיין שטוב, לערנט מען זיך ארויס אסאך זאכן פון דעם.

עס איז איבריג צו זאגן אז וויפיל מיר מיינען און גלייבן אז מיר פארשטיין די וועגן פון די צדיקים, זענען מיר זייער ווייט פון דעם, אבער וואס עס איז יא נוגע צו אונז זעען מיר ביי יעקב אבינו א מורא'דיגע זאך, וועלכע מען זעט נישט אזוי שטארק ביי די אנדערע אבות הק'.

ביי יעקב אבינו איז שטארק בולט די אנגייענדע עליות וירידות, די מיטמאכענישן פון יעקב אבינו און די כוחות וואס דער יצר הרע האט פארלייגט אויף אים, אז ער זאל נישט האבן קיין טראפ מנוחה, קיין הצלחה, אז ער זאל זיין אין א שטענדיגער מצב פון א נסיון און אז מיטדעם אלעם האט ער זיך געשטארקט מיט אן אויסטערלישע גבורות הנפש און איז בייגעקומען אלע שווערע און ביטערע נסיונות.

ווען די הייליגע חכמים רעדן פון דעם יצר הרע שפירן זיי פאר וויכטיג צוווארענען דעם איד אז ער זאל זיך נישט נארן ווען עס קומט צו דעם יצר הרע. אנדערש ווי עס קען אויסזען האט א מענטש א נסיון און נאכ'ן געווינען די נסיון, אדער אפילו נאכ'ן דורכפאל, לאזט אים דער יצר הרע צורוה, ער געבט אים צייט צו אטעמען.

צו פארמיידן אז מען זאל טראכטן אזוי, זאגן אונז חז"ל אז דאס איז נישט ריכטיג, נאר יעדן טאג איז דא א פרישער יצר הרע און ווי עס איז לשונם בקודש [סוכה דף נב] יצרו של אדם מתגבר עליו כל יום ומבקש להמיתו.

יעדן טאג פונדאסניי איז דא א פרישע מלחמה, א נייער יצר הרע, ער איז דא פון פריש, ווי ער וואלט קיינמאל נישט געווען דאהי, און אז מ'ווייסט דאס און עס איז גענוג קלאר - וועט מען

זיך גרייטן צו אים מיט א שטארקקייט און מיט א קלארקייט - ווייל ער לייגט קיינמאל נישט אראפ די געווער, און די אנגייענדע מלחמה וואס דער יצר הרע פירט מיט א איד דערקענט זיך זייער שטארק ביי יעקב אבינו.

עס איז דא אין יעדן טרעפל פון זיין לעבן, אבער עס ווערט שטערקער ווען יעקב אבינו קומט אן צו די חתונה יארן.

ענדע פון די פריערדיגע פרשת תולדות, נאך דעם וואס יעקב אבינו האט ארויסגענומען די ברכות פון עשו הרשע, לערנען מיר אז יצחק אבינו רופט יעקב אבינו און שיקט אים צו דער הויז פון לבן אז ער זאל נעמען פון דארט א פרוי.

יעקב אבינו לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג. קעגן זיינע אויגן האלט ער די הצלחה וואס זיין טאטע האט געהאט ארויסגייענדיג אויפ'ן וועג צו טרעפן פאר אים א פרוי. אנדערש ווי יעקב אבינו האט זיין זיידע אברהם אבינו געשיקט א שליח צו בתואל הארמי, און נאך איידער די נאכט איז צוגעפאלן איז רבקה שוין געווען אונטערוועגנס צוריק קיין ארץ ישראל און מען האט געשלאסן א שידוך.

אויך יעקב אבינו וועלכע איז געקומען צוגיין מיט גרויס געלט, איז געווען זיכער אז ביי אים וועט זיין די זעלבע, אבער דא האט זיך אנגעהויבן די לאנגע קייט פון שטרויכלונגען אין זיין וועג. עס האט זיך אנגעהויבן מיט אן איבערפאל פון זיין פלומעניק [נעפיו] אליפז וועלכע האט אויסגעליידיגט זיינע טאשן און אים איבערגעלאזט ארעם.

יעקב אבינו האט אראפגעשלינגען די ערשטע דורכפאל און זיך געגרייט צוגיין ווייטער אין זיין וועג גלייבנדיג אז ער וועט זיך אויסקומען, אבער ענדע פאלט ער אריין צו אזא ביטערער לבן. דער לבן איז גרייט אים צוגעבן זיין טאכטער רחל אבער ער בעט פאר דעם א גרויסארטיגע פרייז, ער וויל אז ער זאל אים דינען זיבן יאר.

יעקב אבינו ווייסט אז דאס איז עבודת הק'. ער נעמט עס אן באהבה, ער ארבעט געטריי, אבער ווען עס קומט אן די צייט ווערט ער געוואויר אז מען האט אים אויסגענארט, אז מען האט אים אויסגעפאפט, אז מען האט אים באארבעט.

יעקב אבינו האט געוואוסט אז דער עיקר תיקון זיינער איז רחל אמנו און אז מיט איר וועט ער אויפשטעלן די צוועלעף שבטים, און ווען ער ארבעט די זיבן יאר האט ער אינזינען פאר זיין תיקון, אבער דאן ווערט ער געוואויר אז עס איז לאה, נישט רחל.

ער האט אינזינען געהאט גרויסע זאכן מיינענדיג רחל, אבער זיין גאנצע עבודה איז געגאנגען לריק.

ענדע וועט אים אויסקומען אז זיין עבודה וועט נישט זיין אומזיסט, אז אויך פון לאה וועט ארויסקומען קינדער, אבער אין יענער צייט האט עס געמאכט אט די איינדרוק.

אויך דאס איז איינס פון די גאנגבארע מיטלען וואס דער יצר הרע נוצט איבער מענטשן. ער לאזט זיי זיך מוטשענען און הארעווען און געבט זיי שפעטער דעם געפיל אז זיין הארעוואניע אדער מוטשעניש האט נישט געברענגט די געווינטשענע רעזולטאטן.

דער יצר הרע ווייסט זייער גוט אז יענעמ'ס הארעוואניע איז נישט געגאנגען לאיבוד, אז קיין שום איד'ס עבודה ווערט נישט פארלוירן, אבער יענעם צו צימבלען און אפשוואכן נוצט ער זיך מיט אט די מיטל. און די זעלבע האט ער געטון מיט יעקב אבינו, אז נאך דעם וואס ער האט געהארעוועט פאר רחל איז די הארעוואניע געגאנגען לאיבוד און נאר שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס האט יא געווירקט.

גאנצע פערצן יאר האט יעקב אבינו געארבעט פאר לבן, אבער אויך נאך די פערצן יאר האט ער נישט געהאט קיין מנוחה. ווען ער בעט פון לבן אז ער וויל אוועקגיין הייבט אן לבן אים צו בעטן ער זאל בלייבן זאגנדיג אז די ברכה איז געקומען דורך אים.

יעקב אבינו בלייבט דארט, אבער אין די יארן דערדררוקט אים לבן און שפעטער ווען ער וויל שוין גיין מאכט ער אים אן שוועריגקייטן.

די שוועריגקייטן פון יעקב אבינו האט ממשיך געווען אויך שפעטער ווען יעקב אבינו האט זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל, און געהאט צולײדן שווערע צרות פון עשו און שפעטער מיט די צער פון יוסף, אבער אין יעדן מצב פארלירט נישט יעקב זיין רואיגקייט, זיין שלוה, ער איז בצער אבער ער איז מצדיק דעם דין און שפאנט ווייטער.

די נקודה איז א שטארקע חיזוק פאר אונזער דור. עס מאכט זיך אסאך אז אידן שטארקן זיך, אבער דער געדאנק פון זיך נישט פארלירן נאר וויסן וואס א איד האט צו טון אין יעדן מצב איז א זאך וואס מען דארף וויסן און אריינגעמען אין זיך.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זיך קענען דערלערנען פון די אבות הק' און בלייבן שטארק ביי די אמונה און זיך קענען מתגבר זיין אויף יעדער סארט נסיון וואס קומט אונטער.

**טיב ההשגחה**

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן הזהך לייענערס

# כשמו כן הוא

# די געניע נאמען

איך וויל דא מיטטיילן א שיינע מעשה וועלכע איך האב לעצטענס מיטגעלעבט.

די מעשה איז נישט אן אויפרייסענדע מעשה, אבער עס געבט ארויס ווי יעדע זאך פירט זיך בהשגחה העליונה, אויך די קלענסטע זאכן, וואס מיר חלומ'ען נישט און זעען נישט אין איר קיין אויסטערלישע זאכן.

ומעשה שהיה, אז זייענדיג אויף א באזוך אין ארץ ישראל האב איך באזוכט ביי די קבר פון מיין זיידע ז"ל וועלכער ליגט באגראבן אין די בית החיים אין יענער געגנט.

זייענדיג דארט און זעענדיג די נאמען אויפ'ן קבר, האב איך זיך דערמאנט אז עס איז דא אן אייניקל וואס טראגט זיין נאמען און האט חתונה קומענדיגע וואך.

אז איך בין שוין סיי ווי דא, האב איך מזכיר געווען דער חתן און מתפלל געווען לשלומו אז די חתונה זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת און געלייגט א צעטיל אויפ'ן קבר.

הארט איידער איך בין ארויס פון דארט, האב איך באשלאסן אריינצוקלינגען מיין קאזין [שוועסטערקינד] און אים דערציילן אז איך בין דא און אז איך האב אים אינזינען געהאט ביים זיידנ'ס קבר.

"זייער גוט, איך האב הנאה אז דו האסט געקלינגען, אפשר זאגסטו מיר נאר ווי אזוי שטייט אויף די מצבה דער נאמען פון דעם זיידן".

איך האב א קוק געגעבן אויפ'ן מצבה און אים געזאגט ווי אזוי מען שרייבט די נאמען.

עס רעדט זיך פון א נאמען וואס מען קען שרייבן אויף עטליכע וועגן און זיי האבן זיך גע'ספֵק'ט ווי אזוי זיי זאלן עס שרייבן.

"איך זיץ יעצט ביים מסדר קידושין, מיר גייען איבער די פרטים פון דער נאמען, און דער מסדר קידושין פרעגט מיר ווי אזוי שרייבט מען דעם נאמען. ער פרעגט נאכוועמען ער הייסט, ווייל לויט דעם קען מען וויסן ווי אזוי מען שרייבט דעם נאמען".

איך האב געזען ווי אלעס פירט זיך פון הימל, אז אויך אזא זאך ווי אז איך זאל אים אנקלינגען ווען איך בין ביים זיידנ'ס ציון און איך זאל אים קענען זאגן די נאמען - איז אויך מן השמים - ווייל יעדער זאך אין די וועלט פירט זיך מיט א חשבון.

[דערצ״לט דורך דער בעל המעשה: א.צ.כ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# אכט געבן אויף יענעמ'ס געלט

"וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה, וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ" (כח, יב)

**שרייבט דער בעל הטורים וזה לשונו: "סוּלָּם – בְּגִימַטְרִיָּא 'מָמוֹן', וּבְגִימַטְרִיָּא 'עוֹנִי', כִּי זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים".**

**און די ספרים הקדושים געבן צו פארשטיין, אז דאס געלט איז אזוי ווי א 'סולם' פארן מענטש, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים, פון איין זייט האט עס דער מעגליכקייט אים צו דערנידערן ביז צו דער ערד, אבער פון די אנדערע זייט, אויב וועט ער זיך באניצן דערמיט אזוי ווי עס דארף צו זיין, בקדושה, וועט מען זיך קענען דערהייבן דורכדעם ביז די הויכקייט פון די הימלען.**

**דורשי רשומות האבן גע'דרש'נט, אז די ווערטער "סולם מוצב ארצה", באטרעפט בגימטריא (במספר קטן) [זיבן און פופציג] אזוי ווי די ווערטער "גלגל חוזר בעולם" [זיבן און פופציג].** (ספר גימטריאות לרבי יהודה החסיד, עניינים אות לא).

***

איינער פון די נאנטע תלמידים פון **הגה"צ רבי ישראל סאלאנטער זצוק"ל**, האט געדינט אלץ **'שו"ב'** – שוחט ובודק, וואס איז אין יענע צייטן פאררעכנט געווארן אלץ א געערטער פאסטן אין די אידישע שטעט.

נאר וויבאלד ער האט זייער 'מחמיר' געווען אויף זיך, האט ער אלעמאל חושש געווען צו מהדר זיין אין זיין הייליגע ארבעט, אז עס זאל זיין מיט די פולסטע שלימות, אויף אזוי ווייט אז במשך הזמן האט ער באשלאסן אז ער וועט פארלאזן די מלאכת השחיטה, און זיך אביסל באשעפטיגן מיט מסחר פאר זיין פרנסה.

איידער ער איז צוגעגאנגען דערצו, אפצולאזן די שחיטה און זיך נעמען צו די געשעפטן, איז ער זיך געגאנגען 'שואל עצה' זיין מיט זיין גרויסן רבי'ן, דער צדיק רבי ישראל וועלכער איז געווען דער גרינדער פונעם 'תנועת המוסר', און ווען ער איז אנגעקומען צו אים, האט ער אראפגעלייגט זיינע צווייפלענישן:

דאס באשעפטיגן זיך מיט שחיטה, טראגט מיט זיך גאר א געוואלדיגע אחריות, און מען דארף זייער שטארק אכטונג געבן און שטענדיג נאכקוקן און זיכערמאכן אז אלעס קלאפט, כדי מען זאל חלילה נישט געבן צו עסן טריפות רח"ל פאר הייליגע אידישע קינדער, און איך האב מורא פונעם יום הדין ויום התוכחה!

האט רבי ישראל געעפנט זיין מויל מיט חכמה, און געלערנט זיין תלמיד א געוואלדיגן מוסר השכל:

ווען דו ביסט עוסק אינעם פאך פון שחיטה, איז אפילו אויב עס וועט חלילה ארויסקומען א שטרויכלונג פון אונטער דיינע הענט, טראגט דאס נאר איין לאו מיט זיך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות כב, ל) "טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ", אבער נישט מער פון דעם.

פון די אנדערע זייט, אויב וועסטו ארויסגיין צום עולם המסחר, איז די אחריות פילפאכיג, וויבאלד דארט ביסטו אימשטאנד חלילה נכשל צו ווערן מיט פילע לאווין און איסורים וואס איז פארבינדן מיט דיני ממונות, ווי צום ביישפיל דער איסור פון ריבית וואס טראגט מיט זיך פילע הארבע לאווין, גניבה און גזילה, בַּל תָּלִין, הִין צֶדֶק און אֵיפַת צֶדֶק, אונאת ממון און אונאת דברים, שקר, הערמה און נאך. – קומט אויס, אז שטרויכלונגען געפינען זיך פיל מער אינעם עולם המסחר ווי אין דאס שחיטה פאך, טראצדעם וואס אין שחיטה איז דא אן אחריות פארן רבים.

אינעם זעלבן געלעגנהייט האט רבי ישראל פארציילט וועגן זיך זעלבסט, די פאלגנדע מעשה:

אין מיין יוגנט האב איך געוואלט אינוועסטירן די נדן געלט, אין א געוויסע געשעפט וואס האט דעמאלטס אויסגעזען אז עס טראגט גרויסע שאנסן צו מצליח זיין. איידער איך האב זיך אריינגעלאזט אין האנדל, האב איך זיך אוועקגעזעצט לערנען אלע הלכות פון האנדלען. ווען איך האב געענדיגט לערנען דער גאנצער ענין, האב איך איינגעזען אז עס איז נישטא קיין שום 'עיסקא' וואס טראגט נישט מיט זיך עפעס א 'סרך' פון אן איסור... און דעריבער האב איך פארלאזט דעם גאנצן געדאנק און איך האב ווייטער געלערנט אין ישיבה.

***

חסידים דערציילן, אז איינמאל האט א צדיק געבעטן פון זיינע חסידים צו קויפן אביסל **'יי"ש', משקה**, פאר די בני החבורה, ער האט אבער אויסגענומען א תנאי אז מען זאל עס קויפן בלויז מיט כשר'ע געלט! וויבאלד א חבורה וואס זיצט אויף משקה וואס איז געקויפט געווארן פון געלט וואס איז נישט כשר, ווערט בטל איר גאנצע השפעה!

אויפן ארט, האט איינער פון די חסידים ארויסגעצויגן זיין טייסטער, ארויסגענומען דערפון א געוויסע סומע געלט, און עס אראפגעלייגט אויפן טיש אלץ געשאנק. האט דער רבי אים געפרעגט: אין וואס טוט איר זיך באשעפטיגן? ווען דער חסיד האט דערציילט אין וואס ער איז עוסק, האט אים דער רבי אויפגעוויזן ווי נאנט ער איז צו נכשל ווערן מיט אומ'כשר'ע געלט, און האט גלייך גע'פסל'ט דאס געלט... און כְּמַעֲשֵׂהוּ בָּרִאשׁוֹן אזוי איז אויך געווען מיטן צווייטן און דריטן און אויך מיט די קומענדיגע חסידים וואס האבן געוואלט ביישטייערן, ביז זיי האבן אלע געזען אז אין וועלכן געשעפט זיי וועלן נאר עוסק זיין, זענען זיי גאר נאנט דורכצופאלן.

ביז איין חסיד האט זיך אנגערופן אז ער האט כשר'ע געלט, דאס זענען עטליכע 'רובל' וואס איז אים איבערגעבליבן פון א 'הלוואה' וואס ער האט נעכטן געבארגט פון זיין חבר אין שטיבל... – מיט אט די געלט האט זיך דער רבי געפריידט, ערקלערנדיג אז דאס איז טאקע **כשר'ע געלט**! וויבאלד ער האט עס באקומען אלץ הלוואה, און ער איז מחויב דאס צו באצאלן אלץ די מצוה פון **פריעת בעל חוב**.

**אויך אינעם עולם המסחר דארפן מיר וויסן און געדענקען, אז מיר האבן נישט חלילה קיין 'פרייע האנט' צו פירן יעדן 'ביזנעס' לויט ווי מיר ווילן, נאר, אויך דארט געפינט זיך השם יתברך, און עס זענען דא דינים און הלכות וויאזוי עוסק צו זיין אין מַשָּׂא וּמַתָּן בֶּאֱמוּנָה. – און די בעסטע וועג איז, אז מען זאל זיך דורכרעדן מיט א רב ביי יעדן געשעפט אין וועלכע מען האט ספיקות אין הלכה!**

***

**הגאון רבי אהרן קאצענעלענבויגן זצ"ל**, האט אמאל באקומען גאר א שיינע 'נתינה', פון א חשוב'ער גביר אין חוץ לארץ, פאר די 'חלוקה' וואס איז פארטיילט געווארן צו די חשוב'ע תלמידי חכמים, עניי ירושלים עיר הקודש. אין די זעלבע צייט האט געהערשט אין ירושלים עיה"ק א גרויסער הונגער, און יעדע 'פרוטה' איז זייער חשוב און טייער געווען, און האט געהאט דעם מעגליכקייט ארויסצוהעלפן און פארלייכטערן אביסל פונעם גרויסן דרוקעניש.

דער 'סדר החלוקה' אין יענע צייטן איז געווען, מיט 'קבלות' וועלכע האבן געטראגן די נעמען פון די 'מקבלים', און יעדער 'מקבל' האט געדארפט אונטערשרייבן זיין נאמען אויף די קבלה, און דערמיט האט ער פעסטגעשטעלט אז די געלט איז טאקע אנגעקומען צו אים. דאס האט מען געטון, כדי צו ווייזן דערנאך פאר די נדיבים וואס עס איז געטון געווארן מיט זייער געלט, און וויפיל יעדע משפחה האט באקומען, לויטן צאל פון די נפשות, א.א.וו.

ווען רבי אהרן זצ"ל איז אנגעקומען צום הויז פון **הגה"צ רבי שמואל תפילינסקי זצ"ל**, בעל **"קונטרס הצוואה"**, כדי אים צו געבן דעם שיינעם שטיצע, האט דער צדיק רבי שמואל בשום אופן נישט צוגעשטימט אונטערשרייבן אויפן 'קבלה' אזוי ווי מען האט אים געבעטן. דערבי האט ער געגעבן צו פארשטיין, אז וויבאלד מען האט אריינגעדרוקט אויפן בלאט פונעם 'קבלה', אז די 'מקבלים' באדאנקען דעם חשוב'ן גביר אויף די שיינע נתינה, און זיי בעטן אז אויך אויף ווייטער זאל ער זיי נישט פארגעסן און ער זאל ווייטער שטיצן – דערויף איז ער נישט מסכים צו חתמ'נען, וויבאלד דאס איז שקר! איך בעט פון אים גארנישט! איך לייג נישט מיין פארזיכערונג אינעם גביר וועלכער איז א בשר ודם אז ער וועט מיר נישט פארגעסן, איך בעט נאר מיין פרנסה בלויז פון השם יתברך אליין! אין דעם פאל איז דער גביר געווען דער שליח מיר אריבערצופירן דעם געשאנק פון השי"ת, איך בין אבער בשום אופן נישט מסכים ארויפצווארפן מיין לאסט אויפן גביר אז ער וועט מיר נישט פארגעסן!

די גבאים האבן זיך פראבירט בעטן ביי אים אז ער זאל נישט קאליע מאכן זיין שטיצע, וויבאלד די שורה איז געדרוקט איינהייטליך אויף אלע 'קבלה' צעטלעך, און עס איז נישט קיין 'פערזענליכע בקשה' פון אים. רבי אהרן האט אבער נישט געוואלט הערן דערפון, ערקלערנדיג אז אויב מיינט דאס אז ער וועט נישט קענען באקומען די שטיצע, וועט ער ענדערש פארציכטן [מוותר זיין] אויפן תמיכה...

רבי אהרן אבער, מיט זיין גרויס עמפינדליכקייט און גוטהארציגקייט, האט גוט געוואוסט איבערן גרויסן ענגשאפט ביים צדיק אינדערהיים, און האט נישט געוואלט לאזן דעם חשוב'ן משפחה אן קיין שטיצע, דעריבער האט ער געלאזט מאכן א ספעציעלע קבלה פאר אים אן די אויבנדערמאנטע שורה.

**דער צדיק רבי שמואל איז גרייט געווען צו פארלירן דאס גאנצע געלט, און בלייבן אין הונגער און ענגשאפט... אבער אויף זיין אמונה האט ער נישט מוותר זיין, ווייל דאס אמונה פארקויפט מען נישט פאר קיין געלט אין די וועלט!**

**איי, ווי עס בענקט צו די אידן פון אמאל!**

***

אין איינס פון זיינע שמועסן, האט דער הייליגער **חפץ חיים זצוק"ל**, מפרש געווען דאס וואס מיר

המשך אין עמוד ד' >

זאגן אין **ברכת המזון**: "כִּי הוּא קֵל זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל". – מיט די פאלגנדע שיינע מעשה:

אמאל איז אַן 'אורח' אנגעקומען אינעם גרויסן שטאט, זייענדיג זייער הונגעריג און דארשטיג. אריינקומענדיג אינעם ארטיגן בית המדרש, האבן אים די מתפללים אנגעוויזן אויפן 'הכנסת אורחים' פון שטאט, וואו מען דערלאנגט די גאנצע צייט עסן און טרינקען פאר יעדער וואס וויל, אינגאנצן אומזיסט! דארט וועט ער באקומען א פיינע סעודה.

די שטאטישע מענטשן האבן אים געוויזן וויאזוי אנצוקומען דארט, און ער האט זיך גענומען גיין אהין.

ווען דער גאסט איז אנגעקומען דארט, האט ער 'א טעות געהאט'... און האט אנגעקלאפט אויפן טיר פונעם שכן וואס וואוינט אנטקעגן־איבער, דאס איז געווען איינער וואס איז נישט געווען קיין 'געוואלדיגער' מכניס אורח, און האט געהאט א 'מִיל' ביי אים אינדערהיים.

ווען דער בעל הבית האט געעפנט די טיר, האט ער געפרעגט דעם פרעמדן גאסט וואס ער וויל, און דער גאסט האט געענטפערט אז ער האט געהערט אז דא טיילט מען ווארימע און זעטיגע מאלצייטן... זאגט אים דער בעל הבית אז דא טיילט מען טאקע עסן בשפע, אבער כדי דאס צו באקומען דארף מען אביסל ארבעטן! שטעל זיך דא אוועק ביים מיל, און נעם זיך מאָלן די ווייץ פאר עטליכע שעה, און דערנאך וועסטו עסן צו דער זעט.

נישט האבנדיג קיין ברירה, האט זיך דער גאסט גענומען צו די שווערע ארבעט, און אזוי האט ער געארבעט פאר עטליכע שעה ביז ער האט זיך געפילט זייער אפגעשוואכט און דער הונגער האט ממש גענומען נאָגן. דער בעל הבית האט זייער הנאה געהאט פון די ארבעט, און אים צוגעוויזן דעם טיר קעגן־איבער... דארט איז טאקע געווען דער 'הכנסת אורחים', וואו מען האט געטיילט מאלצייטן אומזיסט די גאנצע צייט לְכָל דִּכְפִין! – דא וועסטו באקומען דיין עסן...! האט דער בעל הבית געזאגט, און פארמאכט די טיר הונטער אים.

דער אורח איז אריינגעגאנגען צום דירה פונעם שכן, און זיך געזעטיגט מיט די בעסטע עסן וואס איז דארט דערלאנגט געווארן כיד המלך. ווען ער האט געענדיגט עסן און געוואלט גיין, האט אים דער בעל הבית געזאגט מיט א שמייכל: זאג נאר 'יישר כח'!

אויף וואס יישר כח? פרעגט דער גאסט.

וואס הייסט? דו האסט דאך געגעסן א סעודה כיד המלך, אלץ 'הכנסת אורחים', און האסט באקומען בשלימות, וואס דו האסט נאר געוואלט!

דער זאטער גאסט האט זיך זייער געוואונדערט: איך האב דאך אבער שווער געארבעט פאר די מאלצייט! – דעמאלטס איז אנטפלעקט געווארן דער שרעקליכער שווינדל, אז דער שכן האט פשוט אויסגענוצט זיין תמימות...

האט דער גאסטגעבער זיך אנגערופן צום גאסט, און געזאגט: שוטה שבעולם, יענער שכן האט דיר טאקע גוט אויסגענוצט, אבער איך האב דיר געגעבן א מאלצייט אלץ געשאנק...!

מיט אט דער מעשה, וועלכער איז בלויז א 'משל', האט דער הייליגער 'חפץ חיים' ערקלערט דעם באדייט פון די ערשטע ברכה פון ברכת המזון, די ברכה פון 'הזן':

אויך אונז באקומען די פרנסה און דאס עסן פונעם גרויסן 'גאסטגעבער', דער קעניג פון דער וועלט, וואס ער איז דער "קֵל זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל וּמֵטִיב לַכֹּל, וּמֵכִין מָזוֹן לְכָל בְּרִיּוֹתָיו אֲשֶׁר בָּרָא". – נאר אונז מיט אונזער טיפּשות, אנשטאט זיך צו ווענדן צום ריכטיגן אדרעס, געבן מיר איבער אונזער גאנצער כח, מח און צייט פאר די איבעריגע ארבעט... וואס געבט גארנישט צו פאר פרנסה...

ווי פארשטענדליך, דארף מען אנפילן דעם חיוב השתדלות, יעדער איינער לויט ווי עס איז פאסיג פאר אים, אבער נישט אז מען זאל זיך אינגאנצן איבערגעבן בלויז נאכצויאגן דעם דאלער, וואס דאס ברענגט חלילה דערצו אז מען זאל מבטל זיין קביעת עתים לתורה, תפילה בציבור, אדער חינוך הבנים והבנות א.א.וו.

***

עס האט מיר דערציילט א חשוב'ער אמעריקאנער ביזנעסמאן, אז ער האט א **וועקער זייגער** אינדערהיים, וואס איז 'געבליבן שטעקן' ביי '**6.13**' אינדערפרי, און טראץ אלעס וואס ער האט געטון צו טוישן די צייט פונעם אויפשטיין, איז עס אים נישט געלונגען. אויך ווען ער האט פארלאשן דעם קוועטשער וואס צינדן עס אן, איז עס אים נישט געגאנגען. דער זייגער איז געבליבן פאר'עקשנ'ט, צו קלינגען פונקטליך **6.13** יעדן אינדערפרי, זאל זיין וואס זאל זיין!

ווען ער האט עס דערציילט צו זיין חבר אין בית המדרש, האט ער ארויפגעברענגט א הַשְׁעָרָה, אז אפשר וויל מען אים דא עפעס מרמז זיין. וויבאלד '**613**' באטרעפט דאך אזוי ווי '**תרי"ג**', וואס זענען די תרי"ג מצוות פון די תורה! און ווי מיר ווייסן, איז דער '**איסור ריבית**' געוואויגן אנטקעגן אלע מצוות פון די תורה אינאיינעם, ['**רבית**' מיטן כולל, באטרעפט בגימטריא '**תרי"ג**'], און זייענדיג א גרויסער ביזנעסמאן, וויל מען אים אפשר מרמז זיין מן השמים אז ער זאל מער אכטונג געבן פון איסור ריבית...

דער איד האט עס אנגענומען, און האט זיך ארויסגעלאזט אויף א 'נסיעה' קיין ארץ ישראל. זייענדיג דא אין **עיה"ק ירושלים ת"ו** איז ער ארויפגעגאנגען צום הויז פון אונזער מחותן, הגה"צ **רבי יעקב בלוי זצוק"ל**, דער באוואוסטער דומ"ץ דא אין די הייליגע שטאט, און רב פונעם **סנהדריה** געגנט, וועלכער איז געווען באוואוסט אלץ געוואלדיגער מומחה אין אלע ענינים פון ריבית, און האט אויך צוזאמגעשטעלט א ספעציעלן ספר אין די ענינים, וועלכער איז אנגענומען געווארן בכל תפוצות ישראל.

אנקומענדיג צום הויז פונעם רב, האט ער אים דערציילט איבער זיינע פארשידענע געשעפטן, ערקלערנדיג וויאזוי די געלטער דרייען זיך, ווערן אינוועסטירט, שטייגן און וואקסן, מיט די פארשידענע צאלונגען, און צו זיין גרויסן וואונדער האט אים דער גאון אנטפלעקט איבער א געוויסן געשעפט, אז עס טראגט מיט זיך אַן **אִסּוּר רִבִּית דְּאוֹרַיְתָא**! – אזוי איז אויסגעקומען אז דער סוחר איז נכשל געווארן בשוגג אין אט די הארבע עבירה, פאר פילע יארן!

**האב איך געזאגט צו דעם איד, אז ווי עס זעט אויס האט ער געהאט א ספעציעלן זכות, וואס צוליב דעם האט מען אים מן השמים מעורר געווארן נאכצוקוקן זיינע געשעפטן, צי עס איז נישטא אין דעם קיין חשש איסור. ווייל וויבאלד ער איז א ירא שמים און ער וויל גיין אויפן ריכטיגן וועג, זאגן דאך די הייליגע חז"ל (מכות י:) אז "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו", און דעריבער האט ער זוכה געווען אז מען האט אים פון הימל מעורר געווען דערויף דורכן צושיקן א 'פראבלעם' אינעם וועקער זייגער...**





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!





יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173